# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת מטות-מסעי שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שיחות וסיפורים

א) איין פארנאכטס איז דער ראש ישיבה אריינגעקומען אין בית המדרש אין שטעטל און זיך אראפגעזעצט אויף זיין פלאץ צו געבן דעם טעגליכן שיעור התחזקות וואס האט זיך געדארפט אנהייבן קורץ דערנאך; דער מגיד שיעור וואס לערנט פאר דעם בלאט גמרא האט נאך געהאלטן אינמיטן פארלערנען זיין שיעור און ווען ער האט געענדיגט האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "דאס איז די גאנצע שטעטל; די גאנצע שטעטל באשטייט נאר פון די פאר אינגעלייט וואס נאך א שווערע אויסגעמאטערטע טאג ארבעט קומען זיי אין שול, זיי זענען קובע עתים לתורה און לערנען א בלאט גמרא; דאס איז די גאנצע שטעטל, אלעס אויסער דעם איז הבל הבלים - גארנישט מיט נישט[א]".

ב) איין נאכט, שוין נאכ'ן ערשטן און צווייטן מנין מעריב האבן זיך צאמגענומען עטליכע אינגעלייט וואס האבן נאכנישט געהאט געדאווענט, זענען זיי אריינגעקומען אין שול און געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א אויב זיי מעגן פארמירן נאך א מנין, האט זיי דער ראש ישיבה געענטפערט מיט א שמייכל: "אדרבה, די שטעטל איז שוין באלד אזוי ווי יבנאל, וואו עס שטעלט זיך איין מנין נאכן צווייטן פון אינדערפרי ביז שפעט אויף דער נאכט"...

[א] ווער עס ווייסט, ווער עס הערט דעם ראש ישיבה וויפיל ער איז אונז מעורר צו לערנען דעם בלאט גמרא, דער פארשטייט די פאר ווערטער וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט, "דער גאנצער שטעטל איז נאר דאס אז מען כאפט ארויס יעדן טאג א בלאט גמרא".

ג) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט אז איינער פון די תלמידים, א אינגערמאן האט אים דערציילט אז זיין ווייב - וואס האלט פאר'ן האבן א קינד - וויל האבן א פרוי נעבן זיך וואס זאל איר העלפן און בארואיגן וכו', האט דער אינגערמאן דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז ער האט געזאגט פאר זיין ווייב "עס איז א נארישקייט און דאס פעלט נישט אויס", אויב עפעס, וועט ער איר ארויסהעלפן מיט וואס עס פעלט אויס וכו'. האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "צווישן מיר און דיר, איז דאס א גרויסע שטות, עס פעלט נישט אויס; אבער אויב א פרוי בעט דאס קען מען איר נישט אוועקבלאזן און אוועקמאכן, אויב אין איר קאפ זעט זי דאס פאר וויכטיג קען מען נישט חוזק מאכן פון אירע געברויכן און איר זאגן אז דאס פעלט נישט אויס; בסך הכל, קענסטו איר זאגן, 'לאמיר גיין פרעגן אן ערליכער איד וויאזוי זיך צו פירן'".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: "דאס איז מוהרא"ש'ס שכל; מען קען נישט אוועקמאכן אנדערע וואס האלטן נישט פונקט ווי דיר -בפרט א ווייב[ב]".

[ב] אן אויסצוג פון א בריוו און עצתו אמונה (פרשת מטות מסעי תשפ) איבער דעם נושא:

"אז דיין ווייב זאגט דיר אז זי האט מורא וכו' און זי וויל האבן א פרוי וואס זאל שטיין מיט איר בשעת די לידה (דאולע), זאלסטו נישט חוזק מאכן פון איר; דו ביסט נישט גערעכט מיט דעם וואס דו זאגסט איר: 'עס איז שטותים'.

צווישן מיר און דיר איז דאס א פיינע שטות; עס איז א צעדרייטע זאך וואס געוויסע פרויען וואס זוכן גרינג פרנסה זענען אויפגעקומען דערמיט, זיי זענען מסביר ווי זיס, רואיג און געשמאק עס איז ווען זיי שטייען צו די האנט וכו' וכו'; נאטורליך כאפן זיך די פרויען צו צו דעם, ווען מען רעדט זיי איין אז מיט זיי וועט די לידה זיין גרינגער, ווען זיי אליינס קענען זיך נישט העלפן וכו'. אבער אז דיין ווייב בעט עס פון דיר דארפסטו וויסן אז זי האט שרעק, זי האט פחד, זי האט מורא - זאלסטו איר בארואיגן.

א מאן וועט קיינמאל נישט פארשטיין וואס מיינט א לידה; מענער ווייסן נישט און קענען נישט וויסן וואס א פרוי גייט אריבער במשך די אלע חדשים, זיי זענען איין שטיק שרעק, איין שטיק פחד: 'וואס גייט זיין?' 'ווי אזוי וועט עס זיין?' ממילא דארפסטו איר בארואיגן, נישט חוזק מאכן.

ד) דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אומגעקוקט אינעם נייעם נארוואס פארענדיגטן בית המדרש אין קרית ברסלב און באמערקט אז די דעווויידערס צווישן די בית הכסא'ס גייט ביז'ן ערד. האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן אז מען זאל דאס צוריקשיקן און באשטעלן אנדערע צוטיילערס וואס הייבן זיך אן אביסל העכער פון דער ערד, כדי אז מען זאל קענען ארויסזען טאמער וועט זיך איינער באהאלטן מיט א קינד וכו'. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "איך טו עס פאר ענקערע קינדער, אז זיי זאלן זיין פארזיכערט". אזוי אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז די זעלבע טעות האט מען געמאכט אינעם בנין אין אומאן און מען דארף אויך דארט צוריקשיקן און באשטעלן קורצערע ווענט.

ה) א פאליטישאן איז געקומען קאמפיינען צו די איינוואוינער פון קרית ברסלב ליבערטי און געבעטן פון ר' שבתי מזרחי אז ער זאל צאמנעמען די איינוואוינער ווייל ער וויל רעדן צו זיי אפאר ווערטער און בעטן אז מען זאל שטומען פאר אים, דער ראש ישיבה שליט"א האט מסכים געווען, אבער ווען יענער איז אנגעקומען און איינער

........................

בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט שטענדיג געדענקען די נס וואס ער האט מיט דיר געטון, אז ער האט דיר געגעבן אזא טייערע מתנה - א טייערע ווייב, אן אמת'ע אשת חיל; זאלסט איר נאר מחזק זיין און אויפבויען. מערסטנס קענסטו איר זאגן: 'לאמיר נעמען דעם אייבערשטן - ער זאל העלפן, ער זאל מאכן די לידה זאל זיין גרינג און געזונט'; ווייל לידה איז נאר אין דעם אייבערשטנ'ס הענט, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ב.): 'מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה', אז דער שליסל פון האבן קינדער ליגט אין די הענט פונעם אייבערשטן; נאר ער קען העלפן און נאר אויף אים דארף מען זיך פארלאזן". (ביז אהער פון ספר עצתו אמונה).

האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט״א צי ער קען אים שוין אריינברענגען האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: ״דו קענסט אים אריינברענגען אבער איך וויל נישט זיצן נעבן אים, איך עקל זיך פון א גוי, איך וועל אריינקומען ווען אלע זענען שוין דארט; אבער זעץ אים נישט אויף מיין פלאץ״.

למעשה האט אים דער ראש ישיבה געגעבן די הענט און דער ראש ישיבה האט שפעטער געזאגט: ״ווען איך האב אים געגעבן די האנט האט מיר אנגעכאפט אזא עקל, איך בין גלייך געלאפן אין מקוה; איך געב אכטונג נישט צו אנכאפן א גוי, און דער רבי זאגט אז מ׳קושט נישט א רשע[ג], איך קוש אן ערליכער איד, איך האב ליב אן ערליכער איד, אבער א גוי?!״.

## שיחות פון די פריערדיגע יארן

ו) דער ראש ישיבה שליט״א האט דערציילט[ד] אז ער האט נאכגעהערט פון אן אינטערוויו וואס א געוויסע אויסגאבע האט געהאט מיט דער מוציא לאור פון די ״שטיינזאלץ גמרות״, וואס ווי באקאנט איז דאס געווען די ערשטע געפינטלטע גמרות, און ווען ער האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן די גמרות האט זיך אנגעהויבן אויף אים א מורא׳דיגע מחלוקת פון אלע שיכטן און קרייזן, כמעט אלע האבן געקריגט אויף אים צוליב דעם וואס ער האט משנה געווען דעם צורת הדף, האט ער דערציילט אז זיין רבי - דער ליובאוויטשער רבי זצ״ל האט אים געהייסן דרוקן די גמרא מיט פינטלעך, האט ער

[ג] ספר המדות, אות הרחקת רשעים, חלק ב׳, סימן ג: צָרִיךְ אָדָם לִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ, מִלְּנַשֵּׁק אֶת עַצְמוֹ עִם רְשָׁעִים, כִּי עַל-יְדֵי הַנְּשִׁיקָה נַעֲשֶׂה בֵּינֵיהֶם הִתְקַשְּׁרוּת גַּם לְאַחַר מִיתָה.

[ד] חול המועד סוכות תשע״ה אין א שמועס נאך תפילת שחרית אין סוכה.

געזאגט פאר'ן רבי'ן אז עס גייט נישט אריין און די צורת הדף, האט אים דער רבי געזאגט, עס מוז נישט זיין דוקא לויט די אנגענומענע צורת הדף און צוליב דעם האט ער געהאט גאר אסאך מחלוקת, היתכן ער איז משנה; האט ער געזאגט: "איך האב פאר קיינעם נישט דערציילט אז דער רבי איז דער וואס האט מיר געהייסן אזוי טון, ווייל איך האב פארשטאנען אז דער רבי האט שוין גענוג קאפ ווי אזוי אויך וכו', איך האב נישט געוואלט צולייגן נאך עגמת נפש אויפ'ן רבינ'ס פלייצעס".

האט דער ראש ישיבה שליט"א מורא'דיג ארומגערעדט וואס מען קען זיך ארויסלערנען דערפון, "מען זעט ווי געטריי א מענטש דארף זיין פאר זיין רבי, מען דארף זיין גרייט צו נעמען מחלוקת אויף די אייגענע פלייצעס אבי דער רבי זאל נישט ליידן".

ז) דער ראש ישיבה איז אריבער געגאנגען זונטאג לך שנת תש"פ צו קלאפן מזוזות ביי א תלמיד הישיבה וואס האט זיך אריבער געצויגן פון זיין פריערדיגע וואוינארט - קיין וויליאמסבורג, צו קענען וואוינען נענטער צו דעם ראש ישיבה און קענען שיקן זיינע קינדער און די ברסלב'ע חדר.

נאכ'ן קובע זיין די מזוזות האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אראפ געזעצט און געשמועסט שיינע התחזקות, דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "אמאל פלעג איך זאגן ביי די דרשות די מעשה פון מוהרא"ש 'דו ווילסט מיר אנכאפן? לערן אשר בנחל'[ה],

[ה] מוהרא"ש האט אמאל ביים טאנצן 'טובים מאורות' נאך קידוש לבנה באמערקט ווי איינער פון אנ"ש פרובירן די גאנצע צייט צו שטיין נעבן אים און אנכאפן זיין האנט און ווען איינער איז אריינגעקומען אין רינג און אפגעטיילט האט זיך יענער ווידעראמאל צוגעשטופט, האט זיך מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אנגערופן צו יענעם

ביז איך האב זיך נאכגעפרעגט אויף תלמידים 'פארוואס קומט יענער מער נישט צו די שיעורים, זיין גאנצע חיות פלעגט דאך זיין נאר די שיעורים'? האט מען מיר געזאגט אז יענער תלמיד האט געזאגט ער האט געהערט ביי די שיעורים אז 'די ישיבה איז נישט דוקא אין 27 סקילמאן, דער עיקר איז צו נעמען די עצות', האב איך געזען אז אויב מען קומט זיך נישט שטופן צו אנהאלטן די האנט ביי קידוש לבנה, (ווי צו זאגן אז אויב מען דריידט זיך נישט צווישן תלמידי היכל הקודש און מען קומט נישט הערן התחזקות יעדע שטיק צייט מיט א פרישקייט), הערט מען צוביסלעך אויף צו לערנען די ספרים, ביז מען ווערט אינגאנצן אפגעקילט וכו'".

האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט וואס מען קען זיך אפלערנען פון דעם אינגערמאן, ער האט אויפגעגעבן א שיינע באקוועמע וואוינארט, פרנסה, וכו', - נאר כדי זיך צו קענען דרייען מיט תלמידי היכל הקודש, איז דאס זייער חשוב און מען דארף זיך אפלערנען פון אים.

..........................................

דאס אויבנדערמאנטע: "דו ווילסט אנכאפן מיין האנט? לערן אשר בנחל"...